בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים
פרשת וישב תשפ"ד שנה י | גליון מס' 511

## פניני אמונים

### פערל ווערטער
### אויף תפילה אין די פרשה

## יוסף הצדיק האט מהדר געווען צו ענטפערן אמן

**"וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי" (לז ז)**

**רבי נתן שפירא** בעל 'מגלה עמוקות' איז מגלה אז דער שורש פון יוסף הצדיק איז אין דער סוד פון 'אמן', און ערקלערט אזוי: "יוסף איז דער 'שומר השער', און די שערים עפענען זיך דורך ענטפערן באמן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים'". דאס איז אויך מרומז אין דעם וואס עס שטייט אויף יוסף (לעיל לז ג): "בֶּן זְקֻנִים הוּא" - וואס איז סופי תיבות אמן, און אויך מיט דעם וואס יעקב אבינו איז געווען א בן צ"א ווען יוסף איז געבוירן - אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'. און לויט דעם, דאס וואס ער האט געזעהן אין זיין חלום: "וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים" קומט אונז לערנען, אז דורך די כח פון ענטפערן אמן ווערן די מקטרגים שטיל אזוי ווי 'אלמים' שטימע.

'מגלה עמוקות' וישב דף מג ע"ב ודף מח ע"ב

און די ווערטער זענען צוגעפאסט צו וואס עס ווערט געברענגט אין ספר 'סדר הדורות' (ערך רבי יוחנן) אז רבי יוחנן האט מהדר געווען צו ענטפערן אמן, און פון די צווייטע זייט טרעפן מיר אין גמרא (ברכות כ א) אז רבי יוחנן האט אויף זיך מעיד געווען: "אנא מזרעא דיוסף קאתינא", ווייל פאר די קינדער פון יוסף איז פאסיג צו מהדר זיין ביים ענטפערן אמן.

'ארצות השלום' ברכות כ א

## "לַשלום" און נישט "לְשלום"

**"וַיִּרְאוּ אֶחָיו כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם מִכָּל אֶחָיו וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם" (לז ד)**

מען דארף פארשטיין, פארוואס שטייט: "דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם", ענדערשט וואלט געדארפט שטיין: "דברו שָׁלֹם"?

**זאגט רבי אורי הלוי מדרויא:**

עס איז באקאנט וואס דער 'מגן אברהם' שרייבט (תקפב ד) די סיבה פארוואס מיר זאגן עשרת ימי תשובה "זכרנו לְחיים", מיט א שווא אונטערן למ"ד, טראץ אז לויט די כללים פון דקדוק וואלטן מיר געדארפט זאגן "לַחיים" מיט א פת"ח, ווייל זאגן "לַחיים" מיט א פת"ח קען אויסזעהן ווי א בקשה: "לא-חיים", און מען דארף דאך מקפיד זיין נישט דאווענען אין די ימי הדין מיט א לשון וואס קען אויסגעטייטש ווערן נישט גוט. דערפאר איז דער פסוק מרמז: די ברידער פון יוסף, ווייל "לא דיברו אחת בפה ואחת בלב" (כפי' רש"י), האבן זיי נישט געקענט רעדן מיט יוסף "לְשלום", מיט א שווא אונטערן למ"ד, נאר "לַשלום" מיט פת"ח, ד.מ. דאך לא-שלום.

'בן אורי' [זאלקאווא תפ"ט]

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם
### גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## כולל אין זיך די אלע בקשות

ביי די בקשה "ויהי רצון" וואס ווערט געזאגט ביי די לעצטע ברכה פון ברכות השחר בעהטן מיר א לאנגע סעריע פון בקשות, און אין ענדע פירן מיר אויס מיט א באזונדערע בקשה וואס איז כולל אין זיך אלע בקשות, און דאס איז: **"ותגמלנו חסדים טובים"**.

אין אט דריי ווערטער, האבן די מסדרי התפילה כולל געווען יעדע בקשה און וואונטש; אזא תפילה וואס פעלט אויס אין רוהיגע צייטן, און וודאי אין שווערע צייטן.

אסאך וואונדערן זיך פארוואס פעלט אויס צו באטאנען "ותגמלנו חסדים **טובים**"; איז דען דא חלילה 'חסדים רעים'?! פארוואס איז נישט גענוג צו בעטן סתם א בקשה אויף חסדים, ענליך צו דער לשון וואס מיר זאגן ביי די ברייתא "אלו דברים" וואס ווערט געזאגט נאך ברכות התורה: "וגמילות חסדים"?

ס'איז באקאנט די הסבר פון די גדולי הדורות, אז מיט דעם מיינען מיר צו בעטן פונעם אויבערשטן ער זאל אונז שענקען חסדים וואס אפילו מיט פליישיגע אויגן זאל עס אויסזען גוט, געררעכט טאקע אז מיר זענען געוואוינט זאגן: "גם זו לטובה" אויך אויף געשעהענישן וואס זעהן אויס צו זיין שלעכט, ווייל אלעס וואס השי"ת טוהט איז גוט. אבער, א טובה וואס קומט אויף דער וועג איז פאר אונז א נסיון, און ווייל מיר האבן יעצט געבעטן: "ואל תביאנו... לידי נסיון", איז יעצט ריכטיג צו בעהטן: "ותגמלנו חסדים טובים" - חסדים וואס זייער טובה איז קלאר אפן און נישט קיין נסיון.

איך האב געטראכט צולייגן, אז אויך די לויב וואס מיט דעם פירט מען אויס די ברכה: "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל", איז כולל אין זיך אלע הודאות, ד.מ. די סעריע פון אלע טובות וואס מיר האבן יעצט געלויבט אויף זיי ביי די ברכות השחר, די אלע טובות וואס מיר וועלן לויבן אויף זיי אין לויף פונעם טאג, און די אלע צענדליגער טויזנטער טובות וואס מיר זענען נישט זוכה אויסרעכנען מיט אונזער מויל.

אויב מיר האבן זוכה געווען צו אזא כלליות'דיגע הודאה, וועט אונז זיכער וויי טוהן די הארץ צו זען אז פונקט אט די הודאה פארגעסן מיר צו זאגן ווי עס דארף צו זיין; עס איז ווייטאגליך צו זען, אז אפילו צווישן די פארשטענדליכע וואס זענען זוכה צו זאגן יעדן טאג די ברכות השחר מיט א חברותא, זענען פאראן אזעלכע וואס פארלירן די געדולד דווקא ביי די בקשה און אנטלויפן נאך פארן ענטפערן אמן. דער חשבון איז פשוט: אויב די ברכה נעמט אריין אין זיך אלע הודאות און אלע בקשות, איז דאך זיכער אזוי ביים ענטפערן אמן! ווייל "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

מיר זאגן נאכאמאל איבער די הודאה ביי די ערשטע ברכה פון שמו"ע: "א-ל עליון גומל חסדים טובים". דער וואס איז זיך מתבונן זעהט אז די גימטריה פון די ר"ת איז פונקט ווי די גימטריה פון אמן. אונז צו לערנען אז ענטפערן אמן עפנט די טויערן פון ברכה און אין דעם זכות וועלן מיר אלע זוכה זיין זעהן נאר "חסדים טובים", ונאמר אמן.

**מיט א וואונטש "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל". אמן.**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א ספעציעלע לאנדינג פאר א מהודר'דיגע תפילה —

דאנערשטאג מיטאג כ"ז אייר תשס"ו אויפן הימל פונעם אטלאנטישן אקעאן. דער פריוואטער פליגער וואס איז ארויסגעפארן מיט בערך צוויי שעה צוריק פון סאו פאולו - בראזיל קיין תל אביב איז געפארן ווי געראכטן. דזשעראלד, דער פילאט האט געפירט די פליגער מיט געניטשאפט.

ביים אריינגיין אין דעם אקעאן הימל, האבן זיך די אינעווייניגסטע לעמפלעך פון דעם קליינעם און שיינעם עראפלאן פארטונקלט, און די דרייצן פאסאזשירן זענען געזיצן אויף זייערע זיצן. א טייל פון זיי האבן ארויסגעצויגן זייערע זיצן, וועלנדיג כאפן א דרימל נאך צוויי פארנומענע וואכן פול מיט הייליגע אקטיוויטעטן, און א טייל האבן זיך גענומען משלים זיין די לימודים, וואס דאס האט אויך אויסגעפעלט נאך די וואכן וואס זענען געווען געווידמעט אויף צו עוסק זיין בצרכי ציבור.

דער גרויש פון די מאטארן פון דעם עראפלאן איז דאס מאל באגלייט געווארן מיט א זיסע קלאנג וואס איז געפעלן פאר די אויער. דאס איז געווען דער קלאנג פון דאס לערנען פונעם ראש ישיבה הגאון רבי אהרן לייב שטיינמאן זצ"ל, וועלכער אנשטאט זיך אפרוען אין דער לוקסוס-פאטעל וואס איז געווידמעט פאר אים אינעם עראפלאן וואס איינער פון די נגידי עולם התורה האט באשטעלט פאר אים און זיינע באגלייטער, האט אצינד איבערגעבויגן זיין קערפער אויף די קליינע גמרא וואס ער האט געהאלטן אין האנט, פון ווי ער האט געלערנט הויך האלטנדיג אין די צווייטע האנט א פלעשלייט.



דער ראש ישיבה איז יעצט צוריקגעקומען פון א הייליגע רייזע וואס ער האט אפגעראכטן מיט מסירות נפש אין לויף פון צוויי וואכן, צו מחזק זיין די הייליגע קהילות אין די אמעריקאנער לענדער, א רייזע וואס האט זיך אנגעהויבן אין צפון אמעריקע און זיך געענדיגט אין דרום. א רייזע וואס וואלט שווער געווען פאר א יונגערמאן, און אוודאי פאר א שוואכן מענטש כמעט ניינציג יאר אלט.

נאך צוויי וואכן רייזע זענען שוין די פיס פון דער ראש ישיבה אויסגעמאטערט געווען פון ארום לויפן פון איין תורה-צענטער צו א צווייטע, זיין האלדז איז שוין געווען הייזעריג פון די צענדליגער דרשות וואס ער האט געהאלטן פאר אלע סארט קרייזן, און די הענט האבן אים וויי געטון פון די טויזנטער וואס האבן שאקלט זיין האנט נעמענדיג פון אים א ברכה. זיין אויסגעמאטערטן קערפער האט זיך געבעטן נאך אביסל רוהיגקייט, אבער אויך דאס מאל איז ער באזיגט געווארן דורך זיין נשמה, וואס האט געדארשט נאך דברי תורה. אנשטאט צו רוען איז דער ראש ישיבה געזיצן איבערגעבויגן אויף זיין ארט, ווען ער באפרידיגט זיין נשמה מיט דברי תורה וואס איז מתוקים מדבש ונופת צופים.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט פון עסן נאכמאל, זענען די עלעקטער אנגעצינדן געווארן, און די פאסאזשירן האבן זיך אויפגעכאפט פון זייער דרימל. טראץ די קליינע צאל פאסאזשירן, האבן זיי זוכה געווען צו כבוד מלכים; נישט וויניגער פון דריי באדינער זענען געווען אין זייער דינסט, גרייט צו צושטעלן כמעט יעדע ווינטש וואס זיי זאלן האבן פארלאנגט.

דזשעק, דער הויפט-פארוואלטער, איז מיט גרויס רעספעקט צוגעגאנגען צו הרב שטיינמאן, און האט אראפגעשטעלט א טאץ און אויף דעם איז געווען גרייט א כשר'ע נאכטמאל, און זיך אנגעטראגן שטיין גרייט אויף יעדע זאך:

"איך בין דא צו אייער דינסט, רבי, וואס דער רבי וועט וועלן" - האט דער הויפט-פארוואלטער געמאלדן, און ערקלערט: "אונז שטעלן צו פאר די פאסאזשירן דאס בעסטע וואס איז פארהאן; מיר האבן פיינע קיכעלעך מיט די בעסטע הכשר, כשר'ע וויסקי, ספעציעלע פרוכט, און כמעט יעדע זאך וואס דער רבי' טראכט פון דעם...".

איינער פון די פאסאזשירן האט זיך באוויליגט איבערצוזעצן בקיצור די ווערטער אין די אויערן פון דעם רב, ער האט זיך געשעמט איבער'חזר'ן די אלע ווערטער פאר איינעם וואס שפעט און לאכט פון אלע עולם הזה'דיגע זאכן, און אין רוב פון זיינע יארן האט ער געגעסן נאר אביסל ברויט און וואסער, אבער ער איז איבערראשט געווען צו זעהן ווי דער ראש ישיבה האט זיך נישט געאיילט אוועק מאכן די ווערטער.

"ער טראגט זיך אן צושטעלן וואס מיר בעטן?!" - האט דער רב אויסגעפירט, "אויב אזוי זאגט אים אז איך האב טאקע זייער א וויכטיגע בקשה..."

דער הויפט-פארוואלטער האט עס געהערט און איז אויפגעציטערט געווארן, ווער ווייסט וואס דער אלטער רבי' וועט בעטן... אבער דער רב האט אים נישט געגעבן קיין צייט צו טראכטן: "מיין בקשה איז", האט ער געזאגט, "אז דער פילאט זאל אזוי גוט זיין און לאנדן אין די נאנסטע לאנד וואס ער קען...". "וואס?", האט זיך זיין באגלייטער געוואונדערט, און דער ראש ישיבה האט ערקלערט:

"מנחה און יום כיפור קטן האבן מיר געדאווענט אין בראזיל, שחרית וועלן מיר מארגן דאווענען אין ארץ הקודש, יעצט גייט זיין די צייט פון מעריב, און איך וויל נישט דאווענען אין עראפלאן, ווייל דאס איז נישט קיין מהודר'דיגע תפילה, צי צוליב די אפטע טרייסלען, אדער ווייל די פלאץ איז צי ענג וואס העלפט נישט צו אויף ישוב הדעת און כוונה. בעהט דעם פילאט ווען עס קומט אן דער צייט פון דאווענען מעריב זאל ער לאנדן פאר א קורצער צייט אין די נאנטסטע עירפארט, אזוי וועלן מיר האבן א מהודר'דיגע תפילה...".

"זאג דעם פארוואלטער, אז פאר מיר איז נישטא קיין גרעסערע הנאה ווי צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין מיט ישוב הדעת" - האט זיך דער ראש ישיבה געבעהטן ווען ער האט איינגעזען אז זיין בקשה איז נישט אזוי גרינג אויסצופירן. אבער די דברים היוצאים מן הלב האבן אויפגעטוהן.

זיבן אזייגער פארנאכט לאקאלע צייט, אביסל בעפאר די שקיעה, האט דער עראפלאן געלאנדעט אויף די קאנאריע אינזלען, אין יענע פראכטיגע אינזלען וואס זענען פאר די ברעג פון מאראקא און געהערן צו שפאניע.

די פאסאזשירן וואס זענען אראפ פונעם עראפלאן האבן אויסגענוצט די קורצע צייט וואס איז געבליבן ביז עס ווערט נאכט צו באטראכטן די שיינע האריזאנט וואס האט זיך אנטפלעקט אקעגן זייערע אויגן; א שטארק בלויע ים פון איין זייט און א גרויסע גרינע באדן פון דער צווייטער זייט, אבער הרב שטיינמאן האט זיך נישט אינטערעסירט אין דעם, ער האט זיך תיכף אוועקגעזעצט אויסצונוצן די צייט צו לערנען.

ווען עס איז געווארן דער צייט פון דאווענען מעריב, האט זיך די גאנצע קבוצה פארזאמלט אין א צימער וואס איז זיי צוגעגרייט געווארן דורך די לופטפעלד מאנשאפט אויף א ווארימע און רירנדע תפלה פון מעריב, אויף אן ארט וואס איז א גרויסע ספק צי ס'איז שוין אמאל פאראייליגט געווארן דורך א תפלה פון ערליכע אידן, און אוודאי דורך א תפילה פון אזא גרויסער מענטש.

ווען דאס דאווענען איז פארענדיגט געווארן אין וועלכע די פאסאזשירן זענען ארויף אויף די עראפלאן וואס האט געווארט אויף זיי געדולדיג, האט דער ראש ישיבה זיך וועקגעזעצט ווייטער לערנען, און אלע פאסאזשירן האבן באקומען א שיעור וואס וועט זיי באגלייטן א גאנצן לעבן, א שיעור וואס האט זיי געלערנט די טייערקייט פון תפילה, און די וויכטיקייט פון עס זאגן ווי עס דארף צו זיין בכל פרטיה ודקדוקיה, אזוי ווייט ביז א ריכטיגע מסירות נפש.

'לרומם' עמ' 103

# ענטפערן אמן - איז א חלק פון די ברכה

## דער חוב פון דער מברך ביים ענטפערן אמן

**וייל ענטפערן 'אמן' איז א טייל פון די ברכה וואס מען קען עס נישט אפטיילן, דערפאר דארף דער מברך אינזין האבן יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן פון דער וואס ענטפערט אמן נאך זיין ברכה, און אויך דער וואס ענטפערט זאל אינזין האבן מוציא זיין די מברך מיט די חוב פון ענטפערן אמן. אבער עס איז דא וואס האלט אז דער מברך דארף נישט יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן אויף זיין ברכה.**

### מקורות וביאורים:

אין ירושלמי (ברכות ז ג), ווערט געברענגט אז רבי זעירא האט געבעהטן פון זיין תלמיד רבי אבא בר זמינא זאל זאגן א ברכה אויף די וויין און אים מוציא זיין מיט די ברכה, האט רבי אבא געענטפערט: "כמא דאנא יהב דעתי מפקא יתך ידי חובתך בברכתא, כן הב דעתך מפקא ידי **חובתי** באמן" [אזוי ווי איך טראכט ביי מיין ברכה דיך צו מוציא זיין, אזוי זאלסטו אויך טראכטן מיך מוציא זיין מיט די חוב פון ענטפערן אמן]. לויט דעם שרייבט דער 'אור זרוע' (ח"א סי' קס) און דער מהר"ם מרוטנבורג (שו"ת, דפוס לבוב תשובה תסו) אז דער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה דארף אינזין האבן מוציא זיין דעם מברך די חוב פון ענטפערן אמן. אין ספר 'דרכי נועם' פון גר"א (ברכות מז א) ברענגט ער די ירושלמי און ערקלערט, אזוי ווי דער וואס ענטפערט אמן דארף אינזין האבן מוציא זיין דעם מברך מיט ענטפערן אמן, אזוי דארף דער מברך אינזין האבן יוצא זיין מיטן ענטפערן, אזוי ווי די הלכה ביי יעדע זאך וואס מען וויל יוצא זיין דורך הערן פון א צווייטן, וואס עס פעלט אויס דער דעת פון שומע און משמיע (ראה שו"ע או"ח ריג ג). דער רמ"א (או"ח קסז ב) פסק'נט להלכה אזוי ווי דער ירושלמי, און אזוי פסק'נט דער 'בן איש חי' (מסעי' יד) און דער 'כף החיים' (שם כז). און זעה אין 'בן איש חי' (שם) אז צוליב דעם דארף מען ענטפערן אמן הויעך אויפן קול, כדי דער מברך זאל הערן.

אין די טעם פון די הלכה שרייבט דער 'דרכי משה' (שם) און דער גר"א ('ביאור הגר"א' שם) ווייל ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה. און אזוי ערקלערט אויך דער 'משנה ברורה' (שם כ): "ענטפערן אמן איז אויך א טייל פון די ברכה, און כאטש ער האט אליין געזאגט די ברכה, פון דעסטוועגן דורך ענטפערן אמן איז די ברכה חשוב'ער, דערפאר איז לכתחילה ריכטיג מען זאל יוצא זיין די חוב פון אמן". אבער דער 'פני משה' אויפן ירושלמי (שם) ערקלערט אז די טעם פון די הלכה איז נישט ווייל אמן איז א חלק פון די ברכה, נאר ווייל די מעלה פון "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג א) איז אויך געזאגט געווארן אויפן מברך, און דערפאר זיין כוונה יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן פון דער וואס הערט די ברכה און ענטפערט אמן, איז גרעסער פון די עצם זאגן די ברכה.

אבער דער 'משנה ברורה' אליין ('ביאור הלכה' שם) קריגט אויפן רמ"א מיט א טענה אז אויסער דער 'אור זרוע' ווערט נישט דערמאנט אין די פריערדיגע פוסקים אז דער מברך דארף יוצא זיין די חוב פון אמן וואס מען ענטפערט אויף זיין ברכה, און וועגן דעם האלט ער: "כל המברך בעצמו איזו ברכה אינו צריך לאמן כלל וכלל". יעצט, אויף די ירושלמי וואס אויף דעם בויען די פוסקים די אויבנדערמאנטע דין ציי כנט צו דער 'משנה ברורה' (שם) צו די פירוש פון בעל ספר 'חרדים' אויף די ירושלמי (שם) וואס טייטש אז רבי זעירא אליין האט געוואלט מאכן א ברכה אויף די וויין און מוציא זיין זיין תלמיד רבי אבא מיט די ברכה, און מען דארף פאררעכטן די ווערטער פון ירושלמי אזוי, רבי זעירא האט געזאגט צו זיין תלמיד רבי אבא: "הב דעתך מפקא ידי **חובתך** באמן", ד.מ. אזוי ווי איך בשעת'ן זאגן די ברכה האב איך אינזין דיך צו מוציא זיין, אזוי זאלסטו אויך אינזין האבן יוצא זיין דיין חוב ביי די ברכה ווען דו זאגסט אמן נאך דעם, ווייל כדי צו יוצא זיין מיט הערן, פעלט אויס אויך דער דעת פון שומע און אויך דער דעת פון משמיע. לויט די גרסא איז נישט פארהאן אין ירושלמי קיין שום באציאונג אויף דער ענין פון דער חיוב פון דער מברך צו הערן ענטפערן אמן. און זעה אין ספר 'ברכת אברהם' (ברכות מז א) וואס ערוועגט פון די ווערטער פון דער גר"א ('ביאור הגר"א' שם ו'דרכי נועם' שם) וואס ברענגט און ערקלערט די ירושלמי אזוי ווי די גירסא פון 'אור זרוע'. און זעה אויך אין ספר 'מאיר עוז' (ח"ז עמ' 391) וואס ברענגט אז דער בעל 'דרך אמונה' האט גע'פסק'נט להלכה אז דער מברך דארף אינזין האבן צו הערן און יוצא זיין מיט די ענטפערן אמן פון די צוהערהער אזוי ווי די פשטות פון די ירושלמי, אזוי ווי דער רמ"א פסק'נט.

אין 'סדר נהורא השלם' (פרק טו בהג"ה) שטייט אז דער חזן וואס קען נישט ענטפערן אמן אין שוהל, זאל בשעת'ן ענטפערן אמן אינזין האבן די צוויי שמות הק' הוי"ה און אדנ"י וואס זענען גימטריה אמן, און די אותיות זאלן זיין געשריבן פאר אים לסירוגין: "יאהדונהי".

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים' און דער וואס שטייט אין איר שפיץ הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

מיר מאכן מיט שווערע צייטן, און מיר אלע זוכן מוסיף זיין און פארמערן זכויות וואס זאל באשיצן אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל.

אין די צייט, דאס וואס איר טוהט נאך און נאך מעורר זיין אויף די גרויסע כח און די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן איז עס אין די בחי' פון "דבר בעתו מה טוב". אבער, טראץ די זאכן זענען באקאנט, דארף מען א גאנצע צייט דערמאנען די ווערטער פון חז"ל איבער דעם גרויסן כח פון ענטפערן אמן וואס צורייסט דעם גזר דין, די פאקט אז איר זכות טוהט ביישטיין פאר די אידן אין אלע שווערע צייטן געראטעוועט ווערן פון זייערע פיינט, אזוי ווי מיר זעהן און הערן די וואונדערליכע ניסים וואס פאסירן יעדן טאג.

מיט סיעתא דשמיא איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק א וואונדערליכער רמז וואס לערנט אונז דער ענין:

די תפילה "יקום פורקן" וואס מיר זענען מיט דעם מעורר רחמי שמים אויף די שארית ישראל, ענדיגן מיר מיט די ווערטער: "מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא יְהֵא בְסַעְדְּהוֹן כָּל זְמַן וְעִדָּן" [-דער האר פון די הימל זאל זיין גרייט אייך צו העלפן אין יעדע צייט]. ווי וואונדערליך צו זעהן, אז די גימטריה פון די ראשי תיבות איז פונקט איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון אמן. און די אמת איז אז דא איז דא דאפלטע רמז; ווייל באלד נאכדעם זאגן מיר: "וְנֹאמַר אָמֵן" - ד.מ. הקב"ה זאל אונז העלפן אין זכות פון ענטפערן אמן.

אויב אין סיי וועלכע צייט און אין סיי וועלכע מצב דארפן מיר אז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, איז דאך זיכער אין אזא צייט וואס מיר געפונען זיך, דערפאר איז זיכער מיר זאלן יעצט באזונדער אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו הערן בשורות טובות ישועות ונחמות, ונאמר אמן.

בברכה נאמנה
**שלום דוב סג"ל, בני ברק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com


דער ראש ישיבה הגראי"ל שטיינמאן רעדט ביי א כינוס פון 'בני אמונים'

# בעל 'אילת השחר' כ"ד כסלו תשע"ח

הגאון רבי אהרן יהודה לייב שטיינמאן איז געבוירן אין בריסק אין יאר תרע"ה צו זיין פאטער רבי נח צבי וואס איז געווען פון די נכבדי הקהילה. אין יאר תרצ"ז איז ער אריבער קיין שווייץ צוליב וואס ער האט באקומען א איינרוק צעטל צום מיליטער, און אין יאר תש"ה איז ער ארויף קיין ארץ ישראל.

ארום א האלבע יאר נאכן אנקומען אין ארץ ישראל איז ער אויפגענומען געווארן צו שטיין אין שפיץ פון די ישיבה 'חפץ חיים' אין כפר סבא, און אין יאר תשט"ו איז ער געקרוינט געווארן אלץ ראש ישיבת פוניבז' לצעירים. אין יאר תשנ"ח האט ער אויפגעשטעלט זיין ישיבה 'אורחות תורה' אין בני ברק, און האט אויפגעשטעלט נאך ישיבות אין גאנץ לאנד, וואס זענען געשטאנען אונטער זיין נשיאות. ער האט געשטיצט און געמוטיגט די אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים' און האט זיך אויך באטייליגט ביי צוויי צוזאמקומען וואס זענען אפגעראכטן געווארן אויף חיזוק פון ענטפערן אמן.

ער איז נפטר געווארן כ"ד כסלו תשע"ח אין עלטער פון הונדערט און דריי יאר. הונדערטער טויזנטער מענטשן האבן באגלייט זיין מיטה אויף די וועג צו די בית החיים פון ישיבת פאנאוויזש אין בני ברק. ער האט מחבר געווען די סעריע ספרים 'אילת השחר' על התורה און אויף מסכתות הש"ס.

## ברכות השחר בחברותא

אויף זיין עלטער, נאך איינע פון די שיעורים וואס ער האט איבערגעגעבן פארן דאווענען שחרית 'וותיקין' אין זיין הויז, האט דער ראש ישיבה הגראי"ל שטיינמאן זיך פלוצים געוואנדן צו די אנוועזנדע און געזאגט: "לאמיר מקבל זיין פון יעצט און ווייטער אז ארום א פערטל שעה פארן דאווענען, זאל יעדער זיך אויפשטעלן זאגן ברכות השחר און מיר אלע וועלן ענטפערן אמן. אזוי ווי א סוחר באגענוגט זיך נישט מיט ווייניג געלט נאר ער זוכט פארמערן זיין פארמעגן, אויך מיר וואס אונזער ביזנעס איז 'מלאכת שמים', וועלן מיר זיך נישט באגענוגן מיט ווייניג אמן'ס, נאר מיר וועלן זוכן צו פארמערן נאך און נאך אמנ'ס".


הגראי"ל שטיינמאן ביים זאגן ברכות השחר פאר די מתפללים

און האט צוגעלייגט: "ווען מען געפונט זיך אויף דער וועלט פארשטייט מען נישט די חשיבות פון ענטפערן אמן, אז דאס איז ווערד מיליארדן, אבער אין עולם הבא וועט דער מענטש איבערגעצייגט ווערן אז יעדע אמן העלפט אים, און אקעגן דעם אויך פילן די חסרון פון יעדע אמן. דער מענטש דארף וויסן אז אפילו איין אמן קען אים ראטעווען" ('נוטרי אמן' ח"ב עמ' 26).

## אמן און נאך א אמן

אין יענע געלעגנהייט האט דער ראש ישיבה פארגעזעצט און געזאגט:

"אמאל האבן אידן זייער מקפיד געווען בשעת'ן ענטפערן אמן, און האבן געזוכט נאך און נאך אמנ'ס, אזוי ווייט אז זיי פלעגן גיין פון איינעם צום צווייטן צו הערן די ברכות און ענטפערן אמן. אזוי איז אויך דא מענטשן וואס זאגן ברכות השחר אויפן קול כדי מען זאל קענען ענטפערן אמן נאך זיי, און דאס איז זייער א גוטע זאך זיי זענען מזכה אנדערע מיט מצוות. אויך די בני הישיבות קענען אויסנוצן אסאך געלעגנהייטן אויף ענטפערן אמן, אן עס זאל שטערן זייערע לימודים. אויפן אר"י ז"ל דערציילט מען ('שערי תשובה ו ו) אז ער פלעגט הערן ברכות השחר פון אסאך מענטשן, און דער אריז"ל האט זיכער געלערנט מער פון אונז!" (שם עמ' 27).

## א מצוה וואס מען קען מקיים זיין לשם שמים

אין איינע פון די יארן, ווען הגר"י זילבערשטיין האט זיך אדורך גערעדט מיטן ראש ישיבה מיט וואס ער זאל מחזק זיין די ציבור אין בעפארברייטונג צו ראש השנה, האט אים דער ראש ישיבה איבערראשט מיט אן ארגינעלן און גוט ערקלערטן געדאנק:

די לעצטע משנה אין מסכת מכות ברענגט די מימרא פון רבי חנניא בן עקשיא: "רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצות". דער רמב"ם (פירוש המשניות שם) ערקלערט אזוי די משנה: "פון די יסודות האמונה אין די תורה איז אויב דער מענטש האט מקיים געווען איין מצוה פון די תרי"ג מצוות ווי עס דארף צו זיין, און האט נישט געטראכט קיין שום אנדערע וועלטליכע מטרה, נאר עס געטוהן לשמה מאהבה אזוי ווי איך האב דיר עס ערקלערט, איז ער זוכה צו חיי עולם הבא. דערפאר זאגט רבי חנניא, ווייל עס זענען פארהאן אזויפיל מצוות, קען נישט זיין אז אין לויף פון א גאנץ לעבן זאל דער מענטש נישט טוהן איין מצוה בשלימות". פון די ווערטער פון רמב"ם קומט אויס אז די גרויסע זכות וואס שטייט פארן מענטש זוכה צו זיין צו עולם הבא איז טוהן א מצוה נאר לשם שמים אן קיין שום אנדערע פניות.

"לדעתי", האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט זיינע ווערטער, "די מצוה פון ענטפערן אמן איז א מצוה וואס מען קען עס מקיים זיין גרינגערהייט לשם שמים. ווייל מיט ענטפערן בכוונה דערגרייכט נישט דער מענטש קיין גשמיות'דיגע ציל, און ווייל עס איז אזוי פשוט און גרינג, קען נישט זיין קיין שום שאלה פון גאוה. קומט אויס, אז ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, איז די ריכטיגע אופן וויאזוי דער מענטש קען דורך דעם זוכה זיין בדין" ('כאיל תערוג' מועדים עמ' שסא)

•

עס איז כדאי צו באמערקן אז דער געדאנק האט דער ראש ישיבה אויך דערמאנט אין זיינע ווערטער וואס ער האט גערעדט ביי די כינוס אויף חיזוק פון ענטפערן אמן וואס איז פארגעקומען דורך 'בני אמונים' י"ג אלול תש"ע, און אזוי זענען געווען זיינע ווערטער: "ביים ענטפערן אמן אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז דא א גרויסע און געוואלדיגע מעלה, מיט דעם וואס עס איז אזוי פשוט און גרינג אויסצופירן, אז מען האט נישט מיט וואס צו שטאלצירן!"

און האט פארגעזעצט: "מיר האבן נאך א מעלה ביים ענטפערן אמן; אזא דערהויבענע מצוה וואס א מענטש קען דורך דעם זוכה זיין צו אלע מעלות און ברכות, און צוזאמען מיט דעם, איז עס נישט פארבינדן מיט א ברעקל גאוה. דאס איז די גרעסטע מעלה פון אלעס - טון א גוטע זאך וואס איז נישט אויסגעמישט אין דעם א פינטל גאוה!".


בס"ד
לכ' המתכנסים בכינוס לחיזוק עניית אמן ע"י ארגון בני אמונים
בראשות הר"ר יעקב דוב מרמורשטיין שליט"א
חז"ל האריכו מאד בגודל מעלת עניית אמן ואין מה להוסיף בזה,
יהי"ר שחפץ ה' בידם יצליח.

די בריוו פון דער ראש ישיבה אויף די כינוס פון 'בני אמונים'

## מכתב קודש

פאלגנד איז א העתק פון א מכתב קודש וואס דער ראש ישיבה האט געשיקט לכבוד א כינוס פון חיזוק אויף ענטפערן אמן וואס איז פארגעקומען אין בני ברק אין חודש תשרי תשע"ח:

בסייעתא דשמיא

לכבוד המתכנסים בכינוס לחיזוק עניית אמן על ידי ארגון 'בני אמונים' בראשות הר"ר יעקב דוב מרמורשטיין שליט"א.

חז"ל האריכו מאוד בגודל מעלת עניית אמן ואין מה להוסיף בזה, יהי"ר שחפץ ה' בידם יצליח.

(-)